בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת בֹּא

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען הֲפָצָה מִיט קוּנְטְרֵסִים?.......................................א

ווִיפִיל צַייט זָאל אִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה?.......................................................................................ב

פוּן ווִיפִיל יָאר אִיז דָא צְנִיעוּת בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים?...ד

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי אַ וַואךְ נַאכְט אוּן בְּרִית? ....ה

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב?..........................................................................................ו

זָאל אִיךְ שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיין מַאמֶע אוֹיף סְעוּדוֹת?.........יד

ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן כְּסֵדֶר'דִיגֶע שְׁרֶעק?........................טו

ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק צוּ הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת?..............טז

זָאל אִיךְ גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה, וָואס דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעוֶוען אָנְטְרָאגְן פַאר מִיר?.....................................................................................יח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מֶען זָאל לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת .......................... א

נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ פָּאן בַּיי אַ חֲתוּנָה .......................... א

לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אִין קַיין טֶעלֶעפָאוֹנְס .......................... ב

קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן .......................... ג

מֶען קֶען לֶערְנֶען פוּן אַ חַבֵר מֶער וִויפִיל מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן ... ג

מֶען זָאגְט אַזוֹיפִיל תְּהִלִים, פַּארְוָואס זֶעט מֶען נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה? .......................... ה

מוֹהֲרַ"אשׁ'ס זַאךְ אִיז גֶעוֶוען לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה - טוּן צוּ דֶער זַאךְ. ז

חֲתוּנָה מַאכְן קָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין גֶעלְט! .......................... ח

מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט זֵיי זַיין גוּט אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת .......................... ט

אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט מִיטְאַרְבֶּעטְן, זָאלְן זֵיי זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעבְּן מִיטְ'ן קִינְד .......................... ט

מִשְׁנַיּוֹת בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע רֵייץ אוּן אַ גְלוּסְט צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה .......................... יא

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט ... יא

אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען דָאס מוֹיל יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי .......................... יב

דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל צֶעבְּרֶעכְן עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת מִיט אַ פְרוּמֶע שְׁלֵייעֶר .......................... יג

מַזָל טוֹב פַאר עֶנְקֶער בֶּן זָכָר .......................... יג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי גֵייט מֶען הֲפָצָה מִיט קוּנְטְרֵסִים?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר זֶענְט מְחַיֶּה רִבְבוֹת אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל מִיט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין נָאךְ אוּן נָאךְ אִין אַלֶע אַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע פְּעוּלוֹת.

שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר זַייט אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", דָאס הָאט גֶעכַאפְּט מַיין הַארְץ, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען חִיזוּק אִין סַיי וֶועלְכְן מַצָּב.

שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי גִּלְיוֹנוֹת אוּן דִי בְּרִיוו, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן יֶעדְן טָאג אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר דָאס צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיךְ וַוייטֶער, צוּ הֶעלְפְן נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַ פֶּעקְל קוּנְטְרֵסִים אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט בַּיי מִיטָאג צַייט וֶוען אַלֶע שׁוּלְן זֶענֶען לֵיידִיג אוּן גֶעלֵייגְט אֵיינְס אִין יֶעדֶע שׁוּל, אִין צֶענְדְלִיגֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים; נָאכ'ן פַארְזִיכֶערְן אַז קַיין אֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, ווַייל אִיךְ בִּין זֵייעֶר שֶׁעמֶעוְודִיג אוּן אַ פַּחְדָן. אִיךְ וֵוייס אַז קוּמֶען גְלַייךְ צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים גֶעבְּן אִין פָּנִים קֶען אִיךְ נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ כָּאטְשׁ דָאס גֶעטוּן.

נָאכְדֶעם הָאט מֶען מִיר אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן אַז מֶען פַארְשְׁפְּרֵייט דִי קוּנְטְרֵסִים בְּחִנָּם, הָאט מִיר דָאס גֶעמַאכְט גְרוֹיס חֲלִישׁוּת הַדַעַת. וָואס טוּט מֶען וַוייטֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

גִּלְיוֹנוֹת קֶענְסְטוּ לֵייגְן אִין בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים בְּחִנָּם, אָבֶער קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים זָאלְסְטוּ נִישְׁט לֵייגְן אִין בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים; קֶענְסְט גֵיין דֶערְמִיט בַּיי דִי הַייזֶער פוּן טִיר צוּ טִיר אוּן בֶּעטְן צְדָקָה.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס בְּרֶענְט אִין דִיר הֲפָצָה, דוּ ווִילְסְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזּוּק פוּן רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט, אָבֶער דָאס קֶען נִישְׁט גֵיין נָאר אוֹיף דִי וֶועג ווִי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט נִישְׁט גֶעבְּן קַיין סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים בְּחִנָּם אוּן זִיכֶער נִישְׁט לֵייגְן אִין שׁוּלְן, נָאר גֶעבְּן מִיַּד לְיָד.

עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט הֲפָצָה, אֵיין וֶועג אַז מֶען זָאגְט: "אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה", וְכוּ' וְכוּ', אוּן וֶוען יֶענֶער נֶעמְט דֶעם סֵפֶר בֶּעט מֶען צְדָקָה, אַ צְוֵוייטֶע וֶועג אִיז אַז מֶען בֶּעט קוֹדֶם צְדָקָה, אוּן וֶוען יֶענֶער גֶעבְּט צְדָקָה זָאגְט מֶען: "דָא הָאט אִיר אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה".

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִיפִיל צַייט זָאל אִיךְ אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיר גֶעבְּט יֶעדְן טָאג, מִיט אַזַא הִתְחַזְּקוּת וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז דָאךְ אַז בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מוּז מֶען אִינְזִין הָאבְּן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶערֶוֶוען בַּיי דִי כַּוָּנוֹת, אִיךְ קֶען אַמָאל בְּלַייבְּן שְׁטֶעקְן בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה בִּיז צֶען מִינוּט נָאכְדֶעם וָואס

מֶען הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶּוענֶען. וָואס דַארְף אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ וַוארְטְן בִּיז אִיךְ הָאבּ דִי רִיכְטִיגֶע כַּוָּנוֹת? אָדֶער קֶען אִיךְ גֵּיין וַוייטֶער אֶן דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכ) וֶוען מֶען דַאוֶּוענְט זָאל מֶען אִינְזִין הָאבְּן בְּלוֹיז דִי טַייטְשׁ, נִישְׁט זוּכְן אַרַיין צוּ לֵייגְן אַלֶע כַּוָּנוֹת; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַלֶע מַיינֶע כַּוָּנוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן אוּן צוּ דֶערְגְרַייכְן - דַאוֶּוען אִיךְ וִוי אַ נַאר, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אִיךְ דַאוֶּוען מִיט דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, מִיט עִבְרִי טַייטְשׁ".

אַז מֶען גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ אַיין, מֶען הָאט אִינְזִין דִי טַייטְשׁ - שְׁפִּירְט מֶען בַּיים דַאוֶּוענֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל; מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי מֶען רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע בְּרֶען, מֶען הֵייבְּט אָן דַאוֶּוענֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק.

דֶערְפַאר אַז דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶּוענֶען - זָאלְסְטוּ אָפְּלָאזְן אַלֶע זַייטִיגֶע זַאכְן, זָאלְסְט דַאוֶּוענֶען פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי אַ קִינְד דַאוֶּוענְט. דוּ טְרַאכְט נָאר פוּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת - וֶועט דִיר דָאס זַיין זֵייעֶר גְרִינְג, וֶוען דוּ זָאגְסְט "בָּרוּךְ אַתָּה ה'", טְרַאכְט דִי טַייטְשׁ: גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ", אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, "אֱלֹקֵי אַבְרָהָם", דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דַאוֶּוען פָּשׁוּט עִבְרִי מִיט טַייטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי עֶר זָאל אִינְזִין הָאבְּן וֶוען עֶר זָאגְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תיד): "וּמַה חָסֵר לְךָ כִּפְשׁוּטוֹ", וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אִינְזִין צוּ הָאבְּן 'גָאט'? אַז מֶען זָאגְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, פוּן דֶעם אַלֵיינְס דַארְף שׁוֹין צִיטֶערְן דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דַאוֶּוענֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; דוּ וֶועסְט

נִישְׁט זוּכְן כַּוָּנוֹת מִיט שֵׁמוֹת וְכוּ׳ וְכוּ׳, דוּ וֶועסְט טְרַאכְטְן פוּן דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת – וֶועסְטוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ זִיסְקֵייט, מִיט גֶעשְׁמַאק; דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן שְׁטֵיין בַּיי דִי וֶוערְטֶער וְכוּ׳, עֶס וֶועט זִיךְ דַאוֶוענֶען גֶעשְׁמַאק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פוּן וִויפִיל יָאר אִיז דָא צְנִיעוּת בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִינְדֶערְהֵיים ?

**שְׁאֵלָה :**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הַאלְטְן אִין אֵיין אוֹיפְפְרִישְׁן פוּנְדָאסְנֵיי.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיב דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר זָאגְן ווִי אַזוֹי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט צְנִיעוּת אִינְדֶערְהֵיים? מַיין זוּן אִיז יֶעצְט גֶעוָוארְן פִיר יָאר, אוּן מַיין טָאכְטֶער אִיז אֵיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר אַלְט, בִּיז וֶוען מֶעגְן זִיךְ דִי קִינְדֶער בָּאדְן צוּזַאמֶען, אָדֶער שְׁלָאפְן אִין אֵיין צִימֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קְלֵיינֶע קִינְדֶער בִּיז דְרֵיי יָאר קֶען מֶען בָּאדְן אִינְאֵיינֶעם.

דַיין זוּן אִיז שׁוֹין פִיר יָאר, קֶען עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט בָּאדְן מִיט דַיין טָאכְטֶער.

בְּנוֹגֵעַ שְׁלָאפְן אִין אֵיין צִימֶער; יֶעצְט קֶענֶען זֵיי נָאךְ שְׁלָאפְן אִין אֵיין צִימֶער, אָבֶּער וֶוען זֵיי וֶועלְן נָאךְ מֶער עֶלְטֶער וֶוערְן דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי אַ וַואךְ נַאכְט אוּן בְּרִית?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר גֶעבְּן לֶעבְּן, סְפֶּעצִיעֶל פַאר'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס אַ דַאנְק דֶעם הָאבּ אִיךְ אַ שַׁייכוּת מִיט דִי תּוֹרָה. יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", וָואס אִיךְ לֵיין עֶס יֶעדְן שַׁבָּת, עֶס טוּישְׁט מִיר בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיז דָא עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל וָואס מֶען דַארְף וִויסְן פַאר אַ וַואךְ נַאכְט אוּן בְּרִית? וִוי לְמָשָׁל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז מֶען אִיז אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט, בַּיי מַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע קִינְדֶער בִּין אִיךְ נִישְׁט אוֹיף גֶעוֶוען, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מֶען מוּז טוּן אוּן וָואס עֶס אִיז אַ מִנְהָג, אִיךְ וִויל טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ד׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קל.): "כָּל מִצְוָה שֶׁקִּבְּלוּ עֲלֵיהֶם בְּשִׂמְחָה", יֶעדֶע מִצְוָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, "כְּגוֹן מִילָה", צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי מִצְוָה פוּן מִילָה, "עֲדַיִן עוֹשִׂין אוֹתָהּ בְּשִׂמְחָה", יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה - טוּט מֶען עֶס מִיט אַ שִׂמְחָה; מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה - זֶענֶען זֵייעֶר נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה, אֲפִילוּ דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעפַאלְן אִין הִיטְן שַׁבָּת, אִין לֵייגְן תְּפִילִין אוּן אִין עֶסְן כָּשֶׁר׳ס - זֶענֶען אָבֶּער זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן מִילָה. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי מִצְוָה פוּן מִילָה זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אֵיינְס מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טוּט דִי מִצְוָה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שִׂמְחָה.

אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מִילָה דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן; דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס מֶען דַארְף: זַיין פְרֵיילִיךְ, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען קֶען טוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים

זָאגְן (נְדָרִים לא:): "גְּדוֹלָה מִילָה", דִי מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁהִיא שְׁקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה", עֶס אִיז מֶער פוּן אַלֶע מִצְוֹת אִין דִי תּוֹרָה; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "גְּדוֹלָה מִילָה", דִי מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, "שֶׁאִלְמָלֵא הִיא", וֶוען נִישְׁט דִי מִצְוָה פוּן מִילָה, "לֹא בָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת עוֹלָמוֹ", וָואלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט.

עֶס אִיז דָא וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף צוּ זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט, מֶען לֶערְנְט דִי מַאֲמָרִים פוּן זוֹהַר (פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, דַף צא.) וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה; ווידֶערְאוּם זֶענֶען דָא וָואס גֵייעֶן יָא שְׁלָאפְן אַז זֵיי זָאלְן זַיין אוֹיסְגֶערוּט צוּם בְּרִית.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ בַּיי אֵיינֶע פוּן מַיינֶע קִינְדֶערְס וַואךְ נַאכְט אוֹיבּ אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אוֹיף, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן צוּ זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט כְּדֵי צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת. ווַייל דִי מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, כ): "חֲבִיבָה הַמִּילָה", דִי מִצְוָה פוּן בְּרִית מִילָה אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "שֶׁנִּשְׁבַּע הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְאַבְרָהָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשְׁוואוֹירְן פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ, "שֶׁכָּל מִי שֶׁהוּא מָהוּל", אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז גֶע'מַל'עְט, "אֵינוֹ יוֹרֵד לְגֵיהִנָּם" - וֶועט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין גֵיהִנוֹם, נָאר אִין גַן עֵדֶן; דֶערְפַאר, יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ בַּיים בְּרִית אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ זֵייעֶר מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן מִילָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין ווַייבּ אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ אָפְּגֶעבְּן אַ רִיזִיגְן דַאנְק פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מַתָּנָה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעגֶעבְן - "לֶעבְּן"! אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן פוּן

װען איך האָב אָנגעהויבן הערן די שיעורים און ליינען די בריװ, מיין שלום בית האט זיך אינגאנצן איבערגעדרייט צום גוטן, איך האָב פשוט באקומען א נייע װעג װי אזוי צו פירן די שטוב, װי אזוי צו מכבד זיין די װייב און אזוי װייטער.

אויך האָב איך אנגעהויבן לערנען פלייסיג די היילגע תורה, װען איך האָב איבריג צייט לערן איך נאָך און נאָך, איך לערן יעדן טאָג בבלי ירושלמי תוספתא, דעם רבינ'ס ספרים, שנים מקרא ואחד תרגום מיט רש"י, משנה ברורה און משניות װיפיל איך קום אָן, איך האָב ברוך השם געענדיגט צום ערשטן מאָל אין לעבן גאנצן ששה סדרי משנה.

יעצט צו מיין שאלה, מיין װייב איז זייער ברוגז אז איך דריי זיך אין היכל הקודש. זי האלט ממש נישט אויס דער נאָמען "ברסלב", איך װייס נישט אויב עס קומט פון חבר'טעס, פון משפחה, אדער סתם א שרעק פון דעם, אָבער למעשה װייס איך ממש נישט װאס צו טון, זאָל איך באהאלטן די גאנצע זאך אז איך דריי זיך אין היכל הקודש, אדער זאָל איך זיין אָפן און זאָגן אז איך שפיר דאָרט א חיות, דאָס געבט מיר לעבן? װאס זאָל איך אָבער טון אז איך װיל זייער שטארק איר נישט מצער זיין.

דערװייל האָב איך אויפגעהערט צו גיין דאװענען אין היכל הקודש, ביז דער ענין װערט מסודר אדער דער ראש ישיבה שליט"א זאָגט מיר װאס צו טון, עס טוט מיר אָבער זייער װיי, װייל איך באקום ממש חיות דאָרט, און אויך האָב איך נישט קיין צװייטע װעג צו באקומען די גליונות און עצתו אמונה.

נאָך א נקודה, זייט איך האָב אנגעהויבן לעבן מיט די שיעורים, איז די קריגערייען ביי אונז אינדערהיים אראָפ צו זערא, נישטא מער קיין װיכוחים, קיין בלאָזערייען, אלעס איז גוט און אלעס איז פריילעך. אויסער װען עס קומט צו דעם ענין, װען מיין װייב הויבט מיר אָן צו טשעפען אין דעם ענין פון ברסלב, נעמט דאס מיר ממש ארויס פון די כלים, איך פארליר מיין אָטעם, איך װער װי געפרוירן, װי א רעדל װאס האָט פארלוירן די לופט, און עס קען מיר נעמען עטליכע טעג צוריק צו קומען צו מיין געװענליכע שטייגער. װאס איז די װעג ארויסצוגיין שנעל פון אזא מצב?

יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נִישְׁטָא קַיין סִיבָּה וָואס עֶס זָאל שְׁטֶערְן דִי פְּרוֹי אַז אִיר מַאן אִיז בְּרֶסְלֶב; בְּרֶסְלֶב נֶעמְט גָארְנִישְׁט אַוֶועק פוּן דִי וַוייבְּ'ס לֶעבְּן, בְּרֶסְלֶב גֶעבְּט נָאר צוּ, עֶס מַאכְט נָאר בֶּעסֶער דִי שְׁלוֹם בַּיִת. אֵיין זַאךְ וָואס קֶען שְׁטֶערְן דִי וַוייבּ אַז אִיר מַאן אִיז בְּרֶסְלֶב, דָאס אִיז: 'מַה יֹּאמְרוּ הַבְּרִיּוֹת? וָואס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן זָאגְן?' מִן הַסְּתָם שְׁטֶערְט דַיין וַוייבּ וָואס אַנְדֶערֶע וֶועלְן זָאגְן, וָואס אִירֶע חַבְרְ'טֶעס וֶועלְן טְרַאכְטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז דַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט בְּרֶסְלֶב; זִי וֵויינְט, זִי פַארְפִּירְט אוּן זִי דֶערְבִּיטֶערְט דִיר וְכוּ' וְכוּ', אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, דוּ וֶועסְט אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן - וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן זִי וֶועט אַנֶערְקֶענֶען אַז חַבְרְ'טֶעס אִיז נִישְׁט דֶער לֶעבְּן, זִי וֶועט מוֹדֶה זַיין אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט גֶעוֶוען, זִי וֶועט דִיר מְחַזֵּק זַיין אוּן וֶועט דִיר זַיין אַן עֵזֶר.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן; דָאס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד. מֶען לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, מֶען אִיז פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען מַאכְט חוֹזֶק, אֲפִילוּ דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ לַאכְט אוּן שְׁפֶּעט. אַז מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן מֶען דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן.

ווִי מֶער מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט אִין אָנְהֵייבּ, אַלְץ מֶער קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפה): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת יוֹתֵר בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער וָואס הָאט מֶער שְׁוֶועריִקְייטְן וֶוען עֶר וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, "כְּגוֹן מֵאָבִיו", זַיין טַאטֶע קְרִיגְט אוֹיף אִים, "וְאִשְׁתּוֹ", אָדֶער זַיין אֵייגֶענֶע וַוייבּ שְׁפֶּעט פוּן אִים, "וְחוֹתְנוֹ", דִי שְׁוֶוער שְׁטֶערְט אִים, "אוֹ מִשְּׁאָר בְּנֵי אָדָם שֶׁמּוֹנְעִים וּמְעַכְּבִים אוֹתוֹ מְאֹד", אָדֶער שְׁוֶועריִקְייטְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֶערְן אִים אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְנִיעוֹת מֵחֲמַת מָמוֹן", אָדֶער דֶער וָואס הָאט שְׁוֶועריִקְייטְן וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, "וּשְׁאָרֵי מְנִיעוֹת וְעִכּוּבִים וּבִלְבּוּלִים שֶׁמִּשְׁתַּטְּחִים לְפָנָיו וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ מְאֹד", אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס קוּמְט אוּנְטֶער שְׁטֶענְדִיג, "וְהוּא צָרִיךְ לְהִתְיַגֵּעַ וְלִטְרֹחַ מְאֹד לְשַׁבְּרָם", עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר צוּ קֶענֶען וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין בַּיים צַדִּיק; עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער בִּיז עֶר צֶעבְּרֶעכְט דִי אַלֶע מְנִיעוֹת, "כָּל אֵלּוּ הַיְגִיעוֹת וְהַטִּרְחוֹת שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּתְחִלַּת הַהִתְקָרְבוּת הֵם טוֹבָה גְּדוֹלָה לְהָאָדָם", דָאס אַלֶעס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ'ן

מֶענְטְשׁ, "כִּי עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה אַחַר כָּךְ לְקַבֵּל הַרְבֵּה קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה", ווייל דוּרְךְ דִּי שְׁוֶועריקייטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַבֵּל זיין קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, "כִּי עַל יְדֵי הַיְגִיעוֹת שֶׁבַּתְּחִלָּה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי", ווייל פוּן דִּי שְׁוֶועריקייטְן וֶוערְן כֵּלִים צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זיין פוּן צַדִּיק אַסַאךְ קְדוּשָּׁה אוּן אַסַאךְ טָהֳרָה, "וְכָל מַה שֶּׁיֵּשׁ לוֹ יוֹתֵר יְגִיעוֹת וְטִרְחוֹת וְכוּ' - יֵשׁ לוֹ כְּלִי גָּדוֹל בְּיוֹתֵר לְקַבֵּל אַחַר כָּךְ בְּתוֹכוֹ שֶׁפַע קְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", ווי מֶער מְנִיעוֹת, ווי מֶער מַחֲלֹקֶת אוּן ווי מֶער שְׁוֶועריקייטְן עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן מֶען הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - הָאט מֶען גֶעמַאכְט גְרֶעסֶערֶע כֵּלִים צוּ קֶענֶען מְקַבֵּל זיין הֵיילִיגְקֵייט אוּן רֵיינְקֵייט.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג וָואס דיין ווייב וֶועט זֶען ווי שֵׁיין דוּ פִּירְסְט זִיךְ, וֶועט זִי זִיךְ מַאכְן אַ פְּשׁוּט'ֶע חֶשְׁבּוֹן: 'וֶועם זָאל אִיךְ אוֹיפְגֶעבְּן, מַיין טֵייעֶרֶער מַאן וָואס אִיז אַזוֹי וואוּיל, אַזוֹי עֶרְלִיךְ? אָדֶער זָאל אִיךְ אַוֶועקְלֵייגְן חַבְרֶ'טֶעס וְכוּ'?' זִי וֶועט זִיכֶער אָפְּמַאכְן 'וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן?' אוּן זִי וֶועט דִּיר אוֹיפְהֶערְן דֶערְקוּטְשֶׁען.

אִיךְ הָאבּ אַ בְּרִיוו פַאר דִּיר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז אַרִיבֶּער עֶנְלִיכְס צוּ וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, זיין ווייבּ הָאט אִים זֵייעֶר גֶעטְשֶׁעפֶּעט יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶר פְלֶעגְט פָּארְן קַיין אוּמַאן. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִים עֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קְרִיגְן, עֶר זָאל אִיר מְכַבֵּד זיין, דַאן וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹם שְׁלִישִׁי לְסֵדֶר נֹחַ כ"ז תִּשְׁרֵי ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דיין לַאנְגֶע בְּרִיוו, אוּן מַחֲמַת מֵיין גְרוֹיסֶע טִירְדוֹת קֶען אִיךְ דִּיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן בַּאֲרִיכוּת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד מוּסָד שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רס"ג) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶע פְּעוּלַּת שֶׁבָּעוֹלָם צוּ צֶעבְּרֶעכְן דָאס שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין שָׁלוֹם בַּיִת דֶער אִיז פוּל מִיט הִרְהוּרִים רָעִים, וְכוּ', דָאס

הייסט מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען. און אֵיינְמָאל אִיז עֶר אַרַיינְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס צוּם טִישׁ, און עֶס הָאט זִיךְ פַארְקְלִיבְּן אַ גְרוֹיסֶע עוֹלָם, און צְוִוישְׁן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין לַאנְגֶע חֳדָשִׁים נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת מִיט זַיין וַוייבּ, און קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, און ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין שְׁטוּל אוֹיבְן אָן, און עֶר אִיז גֶעזֶעצְן מִיט אַ גְרוֹיס דְבֵיקוּת, פְּלוּצְלִינְג רוּפְט עֶר זִיךְ אָן מִיט אַ קוֹל, "וֶוער הָאט דָאס אַ חוּצְפָּה צוּ זִיצְן בַּיי מַיין טִישׁ מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען? אִיךְ מֵיין נִישְׁט טִירָאוִויצֶער אָדֶער טְשֶׁערִינֶער וְכוּ' וְכוּ'", און עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע שְׁטֶעט וָואס פוּן דָארְטְן הָאבְּן זִיךְ פַארְקְלִיבְּן אוֹיף שַׁבָּת מֶענְטְשְׁן, נָאר פוּן דֶעם שְׁטָאט פוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט עֶר נִישְׁט דֶערְמַאנְט, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן און אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם טִישׁ און אִיז אַרַיין צוּרִיק אִין זַיין חֶדֶר הַמְיוּחָד, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פִירְן קַיין טִישׁ, ווִי דֶער אִיד הָאט דָאס דֶערְהֶערְט אִיז אַרַיין אִין זַיין הַארְץ אַ גְרוֹיסֶע חֲרָטָה, וַוייל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵיינְט אִים, און עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן זַיין פְּלַאץ, און אִיז גֶעגַאנֶגען צוּ דִי טִיר פוּן דֶעם חֶדֶר הַמְיוּחָד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט און גֶעשְׁרִיגְן, "רֶבִּי, אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז אִיךְ וֶועל מַאכְן שָׁלוֹם מִיט מַיין וַוייבּ!", און עֶר הָאט בִּיטֶער גֶעוֵויינְט, און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, און נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי טִיר, און הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען, און עֶר הָאט זֵייעֶר בִּיטֶער גֶעוֵויינְט בִּיז דָאס הָאט זֵייעֶר מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען, בִּיז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן זַ"ל אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען און הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט דֶעם טִיר פוּן דֶעם חֶדֶר הַמְיוּחָד, - וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - און עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען צוּם טִישׁ, וַוייל דֶער אִיד וֵויינְט זֵייעֶר און עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין שָׁלוֹם מַאכְן מִיט זַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען און הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם וְכוּ' און הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ, וְכוּ', און דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם וָואס זֶענֶען דָארְטְן גֶעוֶוען הָאבְּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן הִירְהוּר תְּשׁוּבָה, וָואס הֵייסְט נִישְׁט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם, וָוארוּם דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל דִיךְ אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן, און דִי רְשָׁעִים וָואס זֵיי רֶעדְן אַיין דִי פְרוֹיעֶן אַז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין

שָׁלוֹם בַּיִת, זֶענֶען פָּשׁוּטֶע רְשָׁעִים און רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע, ווייל אַן אֱמֶת'ער בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת סב.) הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; אַ בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דָאס וַוייבּ, און הֶעלְפְּט אִיר אַרוֹיס מִיט אַלֶעם.

עֶס אִיז פַארְהַאנֶען שְׁלֶעכְטֶע פְּרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מְקַנֵּא דִי חַבֶרְטֶ'עס וָואס זֵיי הָאבְּן מֶענֶער בְּרֶסְלֶב'ער חֲסִידִים און זַיין לֶעבְּן צֶעזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט און הֶעלְפְן אַרוֹיס אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן וְכוּ', און זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט, אִיבֶּערְדֶעם רֶעדְן זֵיי אָן דִי פְּרוֹיעֶן אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶב'ער חֲסִידִים, און דָאס אִיז אַ פַּאקְט וָואס מֶען קֶען זֶען, אַ יוּנְגֶערְמַאן וָואס הִיט אָפּ זַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַן אֱמֶת'ער בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד.

וָואס אִיז גֶעשֶׁען? אֵיינְמָאל אַ יָאר פָּארְט עֶר אַוֶועק אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן! וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען מַאכְן אַזַא אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ? עֶס אִיז דָא חֲסִידִים וָואס זֵיי פָּארְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִין יָאר צוּ זֵייעֶרע רֶבִּי'ס און לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶרע פְּרוֹיעֶן, און עֶס קֶערְט זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער דִי וֶועלְט. נָאר אַז אַ בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד פָּארְט אֵיינְמָאל אִין יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז קוּמְט בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים מַחְלוֹקֶת קְרִיגֶערַייעֶן וְכוּ' וְכוּ'? בְּשַׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶס גְלֵייבְּט אִין אִים און לֶערְנְט זַיין תּוֹרוֹת, זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און עֶר וֶועט אִים אַ טוֹבָה טוּן. אִיז דֶען גֶעוֶוען אַמָאל אַ צַדִּיק וָואס הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן זַיינֶע תַּלְמִידִים און חֲסִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? און דָא הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּפֵירוּשׁ גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר זֵיי אַ טוֹבָה טוּן אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר.

גֶעוַואלְד און גֶעשְׁרִיגְן! דִי חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה ט"ז.) רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ פַּארְן מֶענְטְשׁ זַיין בּוּדְזְשֶׁעט אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וִויפִיל פַּרְנָסָה עֶר וֶועט הָאבְּן. ווִידֶער זָאגְן דִי חַזַ"ל (רֹאשׁ הַשָּׁנָה טז:) רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וָואס מִיט אִים וֶועט פַּאסִירְן וְכוּ' וְכוּ', און לֵיידֶער זֶעעֶן מִיר וָואסְפַארַא אוּמְגְלִיקְן פַּאסִירְט יֶעדְן טָאג לֹא עָלֵינוּ, וִויפִיל יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְכַאפְּט אָפְּגֶעהִיטְן זָאל מֶען וֶוערְן, וִויפִיל קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט? וִויפִיל עֶקְסִידֶענְטְן פַּאסִירְן? וִויפִיל פֵייעֶרְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן און פַארְבְּרֶענֶען אַלֶעס? וִויפִיל מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אָן דָאס גֶעלְט אִין אֵיין נַאכְט און וֶוערְן אָרִים, וְכוּ', וְכוּ'?

און וויפיל צָרוֹת איז דָא, וְכוּ׳, וְכוּ׳! ? און דָא שְׁטֵייט אַ רֶבִּי און שְׁרַייט פַאר זַיינֶע חֲסִידִים און תַּלְמִידִים און פַאר יֶעדְן אִיד: "קוּם צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר!", אִיז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל פְרֵייעֶן זִיךְ אַז דֶער מַאן פָארְט צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַזַא הֵיילִיגֶע הַבְטָחָה, און בֶּעט זִיךְ אוֹיס אַ גוּט יָאר פַאר זִיךְ און פַאר דִי וַוייבּ און פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם פַארְשְׁטֵיינֶערְן? קוּמְט אִים אוֹיף דֶעם מֶען זָאל אִים מְבַזֶּה זַיין און שֶׁעלְטְן און פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ׳? קוּמְט וֶועגְן דֶעם צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב? דָאס וַוייבּ דַארְף דָאךְ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר מַאן אִיז גֶעפָארְן צוּ אַזַא הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן מְקַיֵּים זַיין דֶעם רָצוֹן פוּן צַדִּיק!

מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה גֶע׳מִשְׁפָּט צוּ וֶוערְן פַאר אַ גְרוֹיסְן שׁוֹפֵט, דֶעמָאלְטְס נֶעמְט עֶר דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, וָוארוּם מֶען גֵייט אִים פַארְמִשְׁפָּטְן אוֹיף טוֹיט חַס וְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְקוֹיפְט דִי וַוייבּ אַלֶעס וָואס זִי הָאט, אַבִּי אַז אִיר גֶעטְרֵייעֶ מַאן זָאל הָאבְּן גֶעלְט פַאר אַ גְרוֹיסְן לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים קֶענֶען פַארְטֵיידִיגְן. אָדֶער וֶוען אַ דָאקְטֶער הָאט עֶרְפִינְדְן דֶעם בִּיטֶערֶע מַחֲלָה בַּיי אֵיינֶעם לֹא עָלֵינוּ, וָואס טוּט עֶר נִישְׁט צוּ גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער אִין דֶער וֶועלְט עֶר זָאל אִים קֶענֶען הֵיילְן? עֶר קַארְגְט נִישְׁט קֵיין גֶעלְט, דָאס גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ טְרַייבְּט אִים: "פָאר צוּם גְרֶעסְטְן פְּרָאפֶעסֶער, און קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט, אַבִּי דִי זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה מַיין גֶעטְרֵייעֶ מַאן!" און דָא אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס מֶען אִיז דַן יֶעדְן אֵיינְצִיגְן מַאן, וַוייבּ, קִינְדֶער; און דֶער מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן עֶר פָארְט צוּ אַזַא גְרוֹיסְן און הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר, פַארְטֵיידִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר קוּמְט צוּ אִים עֶר זָאל הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער וָואס עֶר הֵיילְט יֶעדְן אֵיינֶעם, און עֶר פּוֹעֶלְ׳ט בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, און עֶס זָאל אִים גָארְנִישְׁט פֶעלְן אַ גַאנְץ יָאר, אִיבֶּערְדֶעם קוּמְט דֶעם מַאן אַזוֹי צוּ רוֹדֶפְ׳ן? - דָאס פְרֶעג אִיךְ יֶעדֶע פְּרוּי וָואס זִי רוֹדֶפְ׳ט דֶעם מַאן וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צִי דַארְפְסְטוּ דֶען צוּהֶערְן דַיין חַבֶרְ׳טֶע וָואס אִיז דִיר מְקַנֵּא אַז דוּ הָאסְט אַזַא גֶעטְרֵייעֶ מַאן וָואס הֶעלְפְט דִיר אַרוֹיס אַ גַאנְץ יָאר, און עֶטְץ הָאטְץ אַזַא לֶעכְטִיגְן שְׁלוֹם בַּיִת?

דִיר רָאט אִיךְ, נֶעם אַלֶעס אָן פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת, נֶעם אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים, זַיי וַוייטֶער מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ אֲפִילוּ זִי שְׁפֶּעט און לַאכְט פוּן דִיר

וְכוּ׳, דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ, אוּן וַוייטֶער הֶעלְפְן אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט אִיז גֶעשֶׁען, וָוארוּם דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָאדִיג מַקְפִּיד אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, וִוי דִי חַזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג.) אִישׁ וְאִשָּׁה זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם; אוּן וואוּ דִי שְׁכִינָה גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְטְן זֶענֶען אַלֶע בְּרָכוֹת דָא.

אִיבֶּערְדֶעם זֶע פוּן דַיין זַייט זָאל זַיין נָאר שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן הֶעלְף אַרוֹיס דַיין וַוייבּ, אוּן זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת, אוּן דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל אִין דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל אַיינְזֶען אַז דִי אַלֶע וָואס זַיי טוּעֶן אִיר אָנְרֶעדְן אוֹיף דִיר דָאס קוּמְט נָאר פוּן קִנְאָה, וָוארוּם נִישְׁט יֶעדֶע פְרוֹי אִיז זוֹכֶה צוּ אַזַא גֶעטְרַייעֶ מַאן וִוי דוּ בִּיסְט. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁוַוייג אָפּ אוֹיף אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, אוּן עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

גְלֵייבּ מִיר דַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אַזַא שְׁלֶעכְטֶע וְכוּ׳, נָאר שְׁלֶעכְטֶע חַבֶרְטֶ׳עס וָואס זֶענֶען אִיר מְקַנֵא רֶעדְן אִיר אָן אַקֶעגְן דִיר, וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט צוּם שֵׂכֶל קוּמֶען, וֶועט זִי דָאס אַיינְזֶען, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט זִי שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דִיר. אָבֶּער דוּ זֶע אִיר וַוייטֶער מְכַבֵּד צוּ זַיין, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט, וָוארוּם בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז אַ אִידִישׁ שְׁטוּבּ פִירְט זִיךְ עַל פִּי הַתּוֹרָה, אוּן עֶס הֶערְשְׁט צְוִוישְׁן זֵיי, כָּבוֹד מִיט לִיבְּשַׁאפְט, שִׂמְחָה מִיט רוּאִיגְקֵייט וְכוּ׳, אִין אַזַא שְׁטוּבּ וַואקְסְן אוֹיף נָארְמַאלֶע קִינְדֶער.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר רֶעגְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיף, אוֹיף זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר אִיז אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד, אוּן פִירְט זַיין שְׁטוּבּ אוֹיף דֶעם אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶעם תּוֹרָה וֶועג, וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, אוּן עֶלְטֶערְנ׳ס עֶלְטֶערְן, מִדּוֹר דּוֹר, אוּן מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מָאדֶעס וָואס דִי בִּילִיגֶע גוֹיִים עֶרְפִינְדְן וְכוּ׳, דָאס פְּרִיצוּת׳דִיגֶע אָנְטִיאַכְץ וְכוּ׳, אוּן דִי גֶעמֵיינֶע פַארְדָארְבֶּנְסְטֶע בִּיכֶער וָואס אִיז פוּל מִיט שְׁמוּץ אוּן מִיט כְּפִירָה, וְכוּ׳. אַז וואוּיל אִיז דִי שְׁטוּבּ וָואס פִירְט זִיךְ נָאר לוֹיט דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אוּן עֶר דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַלֶע מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן בַּאהֶעפְּט זִיךְ נָאר צוּ עֶרְלִיכֶע אֵיידֶעלֶע אִידְן.

...

**זָאל אִיךְ שִׁיקְן מַיינֶע קִינְדֶער צוּ מַיין מַאמֶע אוֹיף סְעוּדוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאמֶע וִויל זֵייעֶר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאל קוּמֶען צוּ אִיר עֶסְן אַ סְעוּדָה, זִי פְרֶעגְט כְּסֵדֶר וֶוען זֵיי וֶועלְן קוּמֶען, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, וַוייל דָארְט אִיז נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב, זִי אִיז אַ פְרוֹי אַלֵיין, דֶעפְּרֶעסְט אוּן מִיט אֶה.סִי.דִי (OCD), דִי עֶסְן אִיז וַוייט פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ מֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט פַאר דִי קִינְדֶער צוּ זַיין דָארְט. ווִי אַזוֹי דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס שֵׁיינֶערְהֵייט? אָדֶער אֶפְשָׁר הַאלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אִיךְ זָאל זֵיי יָא אַהִינְשִׁיקְן טְרָאץ דִי מַצָּב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בְּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו וְאִמּוֹ", דְרֵיי שׁוּתְּפִים זֶענֶען דָא בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער מִיט טַאטֶע אוּן מַאמֶע, "בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", זָאגְט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער, "מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילּוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", אִיךְ רֶעכְן עֶס כְּאִילּוּ מֶען אִיז מִיר אַלֵיינְס מְכַבֵּד; אַזוֹי שְׁטַארְק חָשׁוּב אִיז דִי מִצְוָה.

שִׁיקְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ אַייעֶר מַאמֶע, זַייט מְחַיֶּ' אַייעֶר מַאמֶע; זִי אִיז עֶלְנְד, אֵיינֶער אַלֵיין, לָאזְט אִיר הָאבְן אַבִּיסְל נַחַת. ווִילַאנְג עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה פַאר זֵיי זָאלְט אִיר זֵיי שִׁיקְן, עֶס וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז זֵיי וֶועלְן עֶסְן אַלְטֶע עֶסְן, אַז אִיר וֶועט מְחַיֶּ' זַיין אַייעֶר מַאמֶע וֶועט אִיר זִיךְ אַיינְקוֹיפְן עוֹלָם הַבָּא.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן כְּסֵדֶר'דִיגֶע שְׁרֶעק?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לַיין, צוּמָאל קוּמְט אוֹיךְ אָן צוּ מִיר דִי בְּלֶעטֶער פוּן חִיזוּק, וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאב אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ לֶעבּ אַלֶעמָאל אוּנְטֶער אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּרֶעשׁוּר אוּן לַחַץ, אִיךְ פִּיל ווִי עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ קוּמְט. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט מַמָּשׁ פַארְנוּמֶען דֶערְמִיט אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער עֶס לִיגְט אוּנְטֶער מַיין בַּאוואוּסְטזַיין פַאר מַמָּשׁ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג, אַזוֹי ווִי אִיךְ שְׁפִּיר אַז אַ חֵלֶק פוּן מַיין מֹחַ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי גֶעדַאנְק אַז עֶפֶּעס שְׁרֶעקְלִיךְ קוּמְט, עֶס וֶוערְט עֶק וֶועלְט, 'אֶפְשָׁר יֶעצְט גֵייט גֶעשֶׁען עֶפֶּעס גֶעפֶערְלִיךְ?' 'אֶפְשָׁר פַּאסִירְט עֶס שׁוֹין?' אִיךְ בִּין אֵייבִּיג אַזוֹי ווִי אוֹיף הוֹיךְ אַלֶערְט, עֶס נֶעמְט מִיר אַוֶועק מַיין מְנוּחָה.

ווִי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר דֶערְפוּן? אִיךְ קֶען זִיךְ גֶעבְּן אַ וֶועק אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי מִיט שְׁרֶעק, 'עֶס גֶעשֶׁעט שׁוֹין!' 'עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ!' וָואס אִיךְ וֵוייס אַלֵיינְס נִישְׁט וָואס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים אוּן לְחָצִים אִיז זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "גַּם אֲנִי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ. וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר - הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", עֶס אִיז

זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, 'אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אוּן אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן פַארְקֶערְט, וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס זִיכֶער גוּט'.

אַלֶע שְׁרֶעק, דְרוּק אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ' גֵייעֶן אַוֶועק וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְוָואס זָאלְט אִיר לֶעבְּן אִין שְׁרֶעק? פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן? פַארְוָואס זִיךְ פַּיינִיגְן אוּמְזִיסְט? נֶעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה וֶועט אִיר לֶעבְּן אַ זִיסֶע רוּאִיגֶע לֶעבְּן, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִיז דֶער לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער; פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְפְרִי אַז דֶער טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיר זָאגְט "מוֹדֶה אֲנִי", לֵייגְט צוּ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה אוֹיף אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער מַיין גַאנְצֶע טָאג אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְלֶעדִיגְן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע טָאג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁרֶעק, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן צוּ מִיר; אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע טָאג, מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְן מִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶס וֶועט אַוֶועקְגֵיין אַלֶע פְּחָדִים.

...

## ווִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק צוּ הִיטְן אַלֶע הֲלָכוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי הֲלָכוֹת אִין שְׁטוּב, דִי הַרְחָקוֹת וְכוּ', אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ. זִי וֵויינְט צוּ מִיר אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אִיר נִישְׁט גֶענוּג אַז עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע זַאךְ אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

מִיר קוּמֶען בֵּיידֶע פוּן אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטִיבֶּער, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיךְ מִיר מְחַזֵק זַיין זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בֹּא, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן חֲתוּנָה קֶען דָאס נָאר הָאבְּן אַ קִיוּם אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְווִישְׁן זִיךְ; אוֹיבּ פִּירְט מֶען זִיךְ מִיט דִי תּוֹרָה, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט אִיז דָא שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט אוּן עֶס בּוֹיט זִיךְ אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אָבֶּער וִוי נָאר מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - צֶעפַאלְט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, עֶס וֶוערְט חָרוּב.

דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער זֶען; דִי אַלֶע וָואס הִיטְן נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת וֶוערְט חָרוּב זֵייעֶר שְׁטוּבּ. עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַלֶעס צֶעפַאלְט, וַוייל נָאר דִי וָואס גֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה - דִי לֶעבְּן מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן אוּן אוֹיף דַיין וַוייבְּ'ס לֶעבְּן; מֶען קֶען נִישְׁט אַרוּמְשְׁפִּילְן מִיט דִי הֲלָכוֹת, אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ בִּיטֶערֶער עוֹנֶשׁ. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (שַׁבָּת יג.): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט, "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זֵייעֶר פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן זֵייעֶר יוּנְג, זַיין וַוייבּ הָאט דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּם לוֹיפְן צוּ אַלֶע שׁוּלְן אוּן יְשִׁיבוֹת אוּן גֶעפְרֶעגְט: וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ל, כ): 'כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ', וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה - חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְּמָרָא, פַארְוָואס אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי יוּנְג?! "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", קֵיינֶער הָאט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, בִּיז אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי פְּרוֹי אוּן זִי הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר הָאט גֶעהַאלְטְן טָהֳרַת הַמִּשְׁפָּחָה? אִיר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף הַרְחָקוֹת?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הַרְחָקוֹת הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאלְטְן"; הָאט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיר גֶעזָאגְט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגְ'עט, וַוייל אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא

תִקְרַב".

אִיךְ הָאף דו וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דו וֶועסְט פוּן הַיינְט הִיטְן דִי הֲלָכוֹת, דו וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין לֶעבְּן.

...

## זָאל אִיךְ גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה, וָואס דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעוֶוען אָנְטְרָאגְן פַּאר מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, מַיין חָבֶר גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, דֶער שִׁידוּךְ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אָנְגֶעטְרָאגְן פַּאר מִיר, מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאט גֶעטְרָאפְן אָבֶער נָאכְדֶעם אִיז דֶער שִׁידוּךְ נִישְׁט גֶעוָוארְן. יֶעצְט וֵייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיב אִיךְ זָאל גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה; אִיךְ קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין וָואס צוּ טוּן.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיב אִיךְ זָאל גֵיין אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין צוּ אַ חֲתוּנָה וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶערֶעדְט פַאר דֶעם אַ שִׁידוּךְ וְכוּ'; מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם אַז דֶער שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן, וַוייל יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט אָן, עֶס זֶעט שׁוֹין אוֹיס ווִי עֶס גֵייט וֶוערְן אַ שִׁידוּךְ, לְמַעֲשֶׂה וֶוערְט נִישְׁט דֶער שִׁידוּךְ, זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ; יֶעדֶע שִׁידוּךְ וָואס מֶען טְרָאגְט אָן, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ז).

וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס וַוייבּ אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אִין

שְׁטָאט רַאדְוִויל און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, זֶענֶען דֶעמָאלְט גֶעקוּמֶען אַסאךְ פְּרוּיעֶן זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה) אַלֶע זֶענֶען זַיינֶע שִׁידוּכִים, ווייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט כַּמָּה וְכַמָּה זִיווּגִים, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט עֶס אַנְדֶערְשׁ. אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט אִיז שׁוֹין אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן שִׁידוּךְ, אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): מֶענְטְשְׁן שְׁמוּעֶסְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב "דֶער בָּחוּר וָואלְט גוּט גֶעוֶוען פַאר דִי מֵיידְל"; אֲפִילוּ וֶוען דֶער שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן און נִישְׁט עֶנְדִיגְן אִיז דָאס אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן אַ שִׁידוּךְ. "וְלִפְעָמִים נוֹסְעִים לַעֲשׂוֹת הַשִּׁדּוּךְ וּבְעֵת הַגְּמָר נִפְרָדִים מֵאֵיזֶה סִבָּה", עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז מֶען פָּארְט מַאכְן אַ שִׁידוּךְ און פַארְ'ן עֶנְדִיגְן דִי שִׁידוּךְ וֶוערְט אוֹיס דִי גַאנְצֶע שִׁידוּךְ, "וְלִפְעָמִים נִגְמָר הַשִּׁדּוּךְ וְאַחַר כָּךְ מַפְסִיקִים הַקֶּשֶׁר שֶׁל תְּנָאִים", נָאכְדֶעם אִיז דָא אַז מֶען מַאכְט דֶער שִׁידוּךְ און עֶס וֶוערְט אוֹיס, "וְלִפְעָמִים בָּאִין לִידֵי נִשּׂוּאִין וְאַחַר כָּךְ בְּסָמוּךְ נַעֲשֶׂה גֵּט בֵּינֵיהֶם", נָאכְדֶעם אִיז דָא אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה און שְׁפֶּעטֶער גֶט מֶען זִיךְ, "וְלִפְעָמִים אֵינוֹ נַעֲשֶׂה הַגֵּט עַד אַחַר אֵיזֶה זְמַן", אַמָאל הָאט מֶען חֲתוּנָה און נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט גֶט מֶען זִיךְ, "כֻּלָּם הֵם בְּחִינַת זִוּוּגִים שֶׁלּוֹ, כִּי כָּל אֶחָד יֵשׁ לוֹ כַּמָּה זִוּוּגִים", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר אַ בָּחוּר און פַאר אַ מֵיידְל כְּדֵי זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ - אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נִישְׁט - אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, און עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער זֵייעֶר רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ, עַיֵין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### מֶען זָאל לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דַּיָּין וּמוֹרֶה צֶדֶק דִּקְהִילָּתֵינוּ**

אַזוֹי וִוי מִיר גֵייעֶן בְּקָרוֹב אָנְהֵייבְּן בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה טָהֳרָה אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, וִויל אִיךְ דִּיר בֶּעטְן אוֹיבּ מֶען קֶען לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל הִלְכוֹת מִקְוָאוֹת, סַיי דִּי אִינְגֶעלַייט דָא אוּן סַיי דִּי אִינְגֶעלַייט אִין שְׁטֶעטְל; אַז דוּ מִיט דִּי אִינְגֶעלַייט זָאלְן זַיין בַּיים בּוֹיעֶן פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְ׳ן סוֹף.

לָאז מִיר וִויסְן וֶועןְ אִיר זֶענְט גְרֵייט אָנְצוּהֵייבְּן דִּי אַרְבֶּעט.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דִּי אִינְגֶעלַייט זֵיי זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל אוּן לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה רַבָּה; דֶער כּוֹלֵל אִיז מִיר טַייעֶרֶער פוּן אַלֶעס.

...

### נִישְׁט דְרֵייעֶן מִיט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ פָּאן בַּיי אַ חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין אוּן וואוֹיל דַּיינֶע פְרִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען מִיט וָואס דוּ קוּמְסְט אוֹיף יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי וְכוּ׳, אָבֶּער דָאס דַארְף זַיין מִיט שֵׂכֶל; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, הָאסְט גֶעמַאכְט פֶּענֶער אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן דֶערוֹיף "בְּרֶסְלֶב"...; דָאס אִיז זֵייעֶר פֵיין אוּן זֵייעֶר שֵׁיין בִּשְׁעַת עֶס טוּט זִיךְ אִין דִּי גַאסְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פַארְקָאכְט אִין פָּאלִיטִיק; דֶער לֵייגְט אַזַא פָּאן אוּן אַ צְוֵוייטֶער אַ צְוֵוייטֶע פָּאן - קוּמְסְטוּ מִיט אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר פָּאן, אָבֶּער עֶס דַארְף זַיין מִיט שֵׂכֶל.

בַּיי דִי פָארִיגֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה הָאסְטוּ גֶענוּמֶען אַפָּאר בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן דְרֵייעֶן מִיט דִי פָאן; זַיי מִיר מוֹחֵל, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען מֶער וִוי אַ פְּרָאטֶעסְט וִוי אַ חֲתוּנָה, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען וואוּנְטְשְׁן מַזָל טוֹב, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט וואוּ עֶס אִיז דִי חֲתוּנָה, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַן הַפְגָנָה; דִי זֵיידֶעס אוּן מִשְׁפָּחָה שְׁטֵייעֶן אִין דֶער זַייט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, אַזוֹי אוֹיךְ אִיךְ.

ווִילְסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען גִלְיוֹנוֹת, סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וִוי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דֶעם, מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז דִי סְפָרִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז פַאר זֵיי וִוי לוּפְט צוּם לֶעבְּן, זֵיי נֶעמֶען דָאס פַאר זֵייעֶר וֶועג וַוייזֶער.

נֵייעֶ זַאכְן זָאלְסְטוּ מַאכְן מִיט שֵׂכֶל.

...

## לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אִין קַיין טֶעלֶעפָאוֹנְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסִידְזְשׁ.

לֶערְן אוֹיס דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן אִין קַיין טֶעלֶעפָאוֹנְס; הַיינְט אִיז עֶס דֶער בָּחוּר, מָארְגְן אִיז עֶס אַ צְוֵוייטֶער, נָאכְדֶעם אַ דְרִיטֶער; אַז דַיין זוּן וֶועט וִויסְן נִישְׁט צוּ קוּקְן בַּיי יֶענֶעמְ'ס טֶעלֶעפָאן, וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין רוּאִיג.

לֵיידֶער אִיז דִי וֶועלְט זֵייעֶר גֶעפַאלְן, מֶען קֶען נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אוּן וֶוער נִישְׁט; מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט שְׁמוֹנֶה בְּגָדִים אוּן הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן אָנְגֶעפִילְט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע בִּילְדֶער אוּן מָאוִויס רַחֲמָנָא לִצְלָן.

וָואס קֶען מֶען טוּן מִיט דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג? דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן זֵיי זָאלְן זַיין הֵיילִיג. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ, מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זֵיי, זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּקְן בַּיי קֵיינֶעם אִין טֶעלֶעפָאן, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ כָּשֶׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן.

...

## קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַייעֶר שְׁוָואגֶערְס מְלַמֵּד עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִים; נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים.

זַייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט מִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז דֶער מְלַמֵּד שְׁרַייט אוֹיף אִים, אוֹיבּ אִיז דָא נָאךְ זַאכְן וָואס בַּאדֶערְט אִים קֶענְט אִיר מִיר מוֹדִיעַ זַיין.

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אִיר זָאלְט אִים זָאגְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאן; עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס עֶר זָאל הָאבְּן אַזוֹי יוּנְג אַ טֶעלֶעפָאן. אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט - זָאל עֶר זַיין אַזוֹי וִוי אַלֶע; אוֹיבּ דַארְף עֶר אַהֵיים רוּפְן קֶען עֶר בֶּעטְן בַּיים מְלַמֵּד עֶר זָאל אִים בָּארְגְן אַ טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אִים דָאס זָאגְן אוּן עֶר וֶועט פָאלְגְן.

...

## מֶען קֶען לֶערְנֶען פוּן אַ חָבֵר מֶער וִויפִיל מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַיְּקָרִים, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ צָאם זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד) מֶען דַארְף הָאבְּן נְקוּדַּת הֶחָבֵר, אוֹיסֶער וָואס מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס בַּיים רֶבִּי'ן דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט אַ גוּטֶער חָבֵר, וַוייל דוּרְךְ אַ חָבֵר קֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיבֶּער חַזֶרְ'ן אַלֶע תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין נָאךְ מֶער שֵׁיינֶע זַאכְן וִוי מֶען אִיז אַלֵיינְס מְקַבֵּל פוּן רֶבִּי'ן; מֶען קֶען לֶערְנֶען פוּן אַ חָבֵר מֶער וִויפִיל מֶען לֶערְנְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי רֶבִּי חֲנִינָא הָאט גֶעזָאגְט (תַּעֲנִית ז.): "הַרְבֵּה לָמַדְתִּי מֵרַבּוֹתַי, וּמֵחֲבֵרַי יוֹתֵר מֵרַבּוֹתַי", אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ תּוֹרָה פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס, אָבֶּער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט נָאךְ מֶער וִוי פוּן מַיינֶע רֶבִּי'ס.

הַלְוַאי זָאלְט אִיר דָאס אָנְהַאלְטְן, זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם; זִיךְ צַאמְקוּמֶען חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אִיבֶּער חַזֶרְ'ן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת

פון רֶבִּי'ן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית כג.): "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא", אָן אַ גוּטֶער חָבֵר אִיז מֶען וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען מוּז הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים מִיט וֶועם מֶען פְּרִישְׁט זִיךְ אוֹיף; נָאךְ זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (אָבוֹת ב, ט): "אֵיזוֹהִי דֶרֶךְ יְשָׁרָה שֶׁיִּדְבַּק בָּהּ הָאָדָם", וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירְן? "רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ אוֹמֵר, חָבֵר טוֹב", רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען אַ גוּטֶער חָבֵר, וַוייל אַז מֶען הָאט אַ גוּטֶע חָבֵר קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר זָאלְט לֶערְנֶען בְּשָׁעַת מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס אִיר לֶערְנְט, דֶער עִיקָּר אִיז עֶס זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, פוּן דִי עֵצוֹת, פוּן דִי שֵׂכֶל; אָדֶער מַאכְט מֶען אֵיינְמָאל אַזוֹי אוּן אַ צְוֵוייטֶע מָאל אַן אַנְדֶערֶע סֵפֶר, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק, דֶער עִיקָּר אִיז דֶער צַאמְקוּם זָאל זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף רֶעדְן פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיבּ מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם סְתָּם רֶעדְן שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים זָאלְט אִיר נִישְׁט אַהִין גֵיין, אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז עֶס אַ מוֹשַׁב לֵצִים, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים א, א): "אַשְׁרֵי הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא הָלַךְ בַּעֲצַת רְשָׁעִים וּבְדֶרֶךְ חַטָּאִים לֹא עָמָד וּבְמוֹשַׁב לֵצִים לֹא יָשָׁב", ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט נִישְׁט אִין דִי וֶועג פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר שְׁטֵייט נִישְׁט מִיט זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן זִיצְט נִישְׁט מִיט לֵצִים.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אוֹיבּ וֶועט זַיין צְווִישְׁן אוּנְז אַחְדוּת; דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִ"י ז"ל): "בְּעֶרֶב שַׁבָּת פִּרְצָה מְרִיבָה בֵּין כַּמָּה נָשִׁים", עֶרֶב שַׁבָּת הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ קְרִיגֶערַיי צְווִישְׁן דִי וַוייבֶּער פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַרִיזַ"ל, "וְאָמַר הָאֲרִיזַ"ל", אוּן דֶער אַרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, "בְּקַבָּלַת שַׁבָּת בָּא אֵלַי הַמֶּלֶךְ הָרָע, וְאָמַר לִי", אִינְמִיטְן קַבָּלַת שַׁבָּת אִיז גֶעקוּמֶען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט, "גַּם אַתֶּם גַּם מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ", אַז אִיךְ גֵיי נִפְטָר וֶוערְן, "וְכָל זֶה בִּגְלַל הַקְּטָטָה שֶׁהָיְתָה בֵּינֵיכֶם הַיּוֹם", אַלֶעס צוּלִיבּ דִי מַחְלֹקֶה וָואס אִיז הַיינְט גֶעשֶׁען צְווִישְׁן אַייךְ, "כִּי כָּל פַּעַם שֶׁהָיָה הַשָּׁלוֹם שׁוֹרֶה בֵּינֵיכֶם לֹא הָיְתָה לְמַלְאַךְ הַמָּוֶת דְּרִיסַת רֶגֶל", וַוייל ווִילַאנְג עֶס אִיז גֶעוֶועזְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ הָאט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף מִיר, "כֵּן הָיָה בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים בְּאוֹתוֹ זְמַן נִתְבַּקֵּשׁ בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעֲלָה מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ זַ"ל", וְכַךְ הֲוָה, אַז דֶער אַרִיזַ"ל אִיז יֶענֶע יָאר אַוֶועק; זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז צוּ זַיין בְּאַחְדוּת. אַז מִיר וֶועלְן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדְן

אֵיינֶעם װעלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צו בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען זָאגְט אַזוֹיפִיל תְּהִלִּים, פַארְוָואס זֶעט מֶען נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, ד' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַייעֶר מַאן אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן עֶנְטְפֶערְס אוֹיף דִי זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן אַייךְ.

אִיר פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסאךְ תְּהִלִּים, אָבֶער יֶעצְט אִיז אַייךְ שְׁוֶוער צו זָאגְן תְּהִלִּים וַוייל אִיר זֶעט וְוען אִיר בֶּעט אַזוֹיפִיל פַאר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אִיר זֶענְט אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵל אוּן אִיר זָאגְט תְּהִלִּים - אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער חוֹלֶה נִישְׁט גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן; אִיר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר, וואוּ גֵייעֶן דִי אַלֶע תְּפִילּוֹת? אִיר דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת.

ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס מוּז זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן עֶס אִיז שֵׁיין עֶס זָאל זַיין - קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ, אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ". וַוייל אוֹיב וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְשְׁטַאנְד. אָבֶער - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים, אִיר זָאלְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת; זוּכְט נִישְׁט, ווִילְט נִישְׁט אוּן עֶרְוַוארְטְס נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן טוּט. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז מִיר

קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן פַארְשְׁטֵיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז נָאר צוּם גוּטְן, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס.

דָאס אִיז גֶעוֶועזְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעפְּרוּאוּוְט מִיט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת. דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אַז בַּיים דַאוְונֶען רוּפְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״אֱלֹקֵי אַבְרָהָם, אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב״, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה - אַזוֹי וִוי דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פוּן לִיזֶענְסְק הָאט גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאל בֶּעטְן פַאר מֶען הֵייבְּט אָן דַאוְונֶען, אִין דִי תְּפִלָּה בֶּעט מֶען: ״׳וְתַשְׁפִּיעַ רוּחַ קָדְשְׁךָ עָלֵינוּ, שֶׁנִּהְיֶה דְבֵקִים בָּךְ׳, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֵיינְס מִיט דִיר, ׳וְשֶׁנִּשְׁתּוֹקֵק תָּמִיד אֵלֶיךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר׳, אוּן אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג מֶער אוּן מֶער גְלִיסְטְן צוּ דִיר, ׳וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְדוֹשִׁים, אַבְרָהָם, יִצְחָק וְיַעֲקֹב׳, אוּן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, אַבְרָהָם אָבִינוּ, יִצְחָק אָבִינוּ אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה וִוי זֵיי, ׳וְתִקְבַּע אֱמוּנָתְךָ בְּלִבֵּנוּ תָמִיד בְּלִי הֶפְסֵק׳, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן אַ פֶעסְטֶע אֱמוּנָה, ׳וּתְהֵא אֱמוּנָתְךָ קְשׁוּרָה בְּלִבֵּנוּ כְּיָתֵד שֶׁלֹּא תִמּוֹט׳, דִי אֱמוּנָה זָאל זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק אִין מִיר אַזוֹי וִוי אַ נָאגֶל וָואס אִיז גוּט אַרַיינְגֶעהַאקְט אִין דֶער עֶרְד, אַזוֹי שְׁטַארְק זָאל זַיין מַיין אֱמוּנָה אִין דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר״.

לֵייגְט אַרַיין דִי וֶוערְטֶער אִין הַארְץ וֶועט אִיר שְׁפִּירְן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס זַאךְ אִיז גֶעוֶוען לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה - טוּן צוּ דֶער זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ חֲתוּנָה פוּן אַ תַּלְמִיד אִין יְשִׁיבָה אוּן מָארְגְן וֶועט זַיין נָאךְ אַ חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה. וֶוער הָאט עֶס גֶעגְלֵייבְּט אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין דָא; דֶער חָלוֹם פוּן מוֹהֲרָא״שׁ הֵייבְּט אָן מְקוּיָם וֶוערְן, מָארְגְן וֶועט זַיין דִי נַיינְצְנְסְטֶע חֲתוּנָה.

אַלֶע הָאבְּן גוּטֶע פְּלֶענֶער ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הֶעלְפְן מְחוּתָּנִים זָאלְן קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן בַּיי דִי שִׂמְחָה, אָבֶּער תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ טוּעֶן לְמַעֲשֶׂה; מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס זַאךְ אִיז גֶעוֶוען לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה - גֶעטוּן צוּ דֶער זַאךְ, אֱמוֹר מְעַט וַעֲשֵׂה הַרְבֵּה.

בֵּיידֶע חֲתָנִים הָאבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶע זֵייעֶרֶע יָארְן אִין יְשִׁיבָה פַּאר דִי מוֹסָד; הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אוּן אַהֵיים גֶעטְרָאגְן דִי קִינְדֶער פוּן חֵדֶר אוּן סְקוּל מִיט אַ שְׁטַארְקֶע גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן דֶער חָתָן ... וָואס גֵייט מָארְגְן חֲתוּנָה הָאבְּן הָאט יָארְן גֶעפִירְט דִי סְקוּל; לַאנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמֶענִידְזְשְׁט דִי סְקוּל בֵּית פֵּיגָא מִיט אַ גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן יֶעצְט הֶעלְפְט עֶר וַוייטֶער מִיט אַזוֹיפִיל זַאכְן, מֶען זֶעט ווִי דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט פַּאר׳ן הֶעלְפְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף לִיכְטִיגֶע שְׁטוּבֶּער.

אִיךְ יָאג זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף אַריין לוֹיפְן אִין יְשִׁיבָה; דִי בָּחוּרִים וַוארְטְן אוֹיף מִיר, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף חִיזוּק. בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה דֶעם זְמַן זֶענֶען אוֹיסְנַאם בָּחוּרִים, זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אוּן אֵיידֶעלֶע; אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פָּשׁוּט ווַייל אִיךְ ווִיל דִיר אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף דוּ זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי נַארִישְׁקֵייטְן, הֵייבּ אוֹיף דַיין קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**חֲתוּנָה מַאכְן קָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין גֶעלְט !**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס הֶעלְפְן אַרוֹיס מֶען זָאל קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אִין יְשִׁיבָה.

בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע קְהִילָה ווִילְן מִיר בַּאדַאנְקֶען מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִחְיוּ וָואס זֵיי זֶענֶען נוֹשֵׂא בְּעוֹל צוּצוּשְׁטֶעלְן דָאס עֶסְן צוּ דִי סְעוּדַת הַחֲתוּנָה.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט בֶּעט אִיךְ אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זִיךְ אָנְרוּפְן וַוארֶעם וֶוער עֶס קֶען הֶעלְפְן מַאכְן עֶסְן פַאר דִי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה; מֶען הֶעלְפְּט זִיךְ אַלֵיינְס, אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן הַנָאָה הָאבְן פוּן דֶעם אַז עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער.

עֶס אִיז אוּמְגְלוֹיבְּלִיךְ וָואס דָא טוּט זִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועלְט; מִיר לֶעבְּן אִין דִי צַייטְן פוּן יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ לֶעבְּן, מֶען דַארְף נִישְׁט וֶוערְן קַיין בַּעַל חוֹב וֶוען מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער.

מָארְגְן נַאכְט אִיז דָא דִי נַיינְצֶנְטֶע חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה, גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם ! דִי עֶסְן אִיז אוּמְזִיסְט, דִי מוּזִיק אִיז אוּמְזִיסְט, דֶער בַּדְחָן אִיז אוּמְזִיסְט אוּן יֶעצְט הָאבְּן מִיר צוּגֶעלֵייגְט נָאךְ אַ זַאךְ וָואס אִיז אוּמְזִיסְט, מִיר הָאבְּן בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט פַּאר תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא זִיךְ צוּ לֶערְנֶען מַאכְן דִי הָאר אוּן דִי פָּנִים, זֵיי שְׁטֶעלְן צוּ פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, פַאר דִי כַּלָה אוּן פַאר דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער צוּ מַאכְן דִי הָאר גֶענְצְלִיךְ בְּחִנָּם, אוּן וֶוער עֶס ווִיל מַאכְן דִי פָּנִים וְכוּ' - אַלֶעס אִיז בְּחִנָּם.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן קְהִלּוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, לָאמִיר זִיךְ הֶעלְפְן אִינְאֵיינֶעם, לָאמִיר זַיין אֵיין מִשְׁפָּחָה, לָאמִיר אַנְטֵייל נֶעמֶען בַּיי יֶענֶעמְס שִׂמְחָה. רוּפְט שׁוֹין מִשְׁפַּחַת ... אוּן פְרֶעגְט וָואס אִיר קֶענְט הֶעלְפְן פַאר דִי מָארְגְנְדִיגֶע חֲתוּנָה, אִיר וֶועט אַלֵיינְס הַנָאָה הָאבְן, אִיר וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן אָן קַיין חוֹבוֹת, אָן קַיין דַאֲגוֹת.

...

**מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט זֵיי זַיין גוּט אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, ה' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַודַאי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; וָואס הֵייסְט דוּ בִּיסְט נָאר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זֵייעֶר גַשְׁמִיּוּת? רוּחָנִיּוּת אוּן גַשְׁמִיּוּת אִיז אֵיין זַאךְ. אַז זֵיי וֶועלְן ווִיסְן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען וֶועט זֵיי גוּט זַיין בְּגַשְׁמִיּוּת, אַז זֵיי וֶועלְן ווִיסְן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וֶועט זֵיי גוּט זַיין בְּגַשְׁמִיּוּת; עֶס אִיז אֵיין זַאךְ.

דֶער דֶרֶךְ הַלִימוּד וֶועט זֵיי אוֹיסְהֵיילְן; זֵיי וֶועלְן נִישְׁט דַארְפְן קַיין מֶעדֶעצִין, עֶס אִיז ווּאוּנְדֶערְלִיךְ צוּ זֶען בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אוּן ווִי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִימוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאפְלַייסִיגְט אִין מִשְׁנַיּוֹת, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט נֶעמֶען מֶעדֶעצִין.

גֶעבּ אַכְטוּנְג ווִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט זֵיי; דַארְפְסְט נִישְׁט רֶעדְן בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִיר גֵייט נִישְׁט אָן אַז אַנְדֶערֶע וֶועלְן בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט מֶער כַּוָּונָה אָן דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן ווִיסְן אַז דִי דִיבּוּרִים קוּמְט פוּן מִיר"; רֶעד נִישְׁט בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן וַוארִימֶע דִיבּוּרִים, דַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי הֶערְצֶער פוּן דִי בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן אַלֶע אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

...

**אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט מִיטְאַרְבֶּעטְן, זָאלְן זֵיי זִיךְ אַלֵיין אָפְּגֶעבְּן מִיטְ'ן קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, ה' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער, דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אָפּ מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע סַבְלָנוּת, דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵּד; דָא בָּזֶה הָעוֹלָם אִיז אַ מְלַמֵּד נִישְׁט דֶער חָשׁוּב'סְטֶער, אָבֶּער אִין הִימְל אִיז אַ מְלַמֵּד זֵייעֶר חָשׁוּב. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּט'ֶער אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעגֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַרְדְּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט'ן קִינְד אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד; אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִּישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ בִּין אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִּישֶׁעלֶעךְ אוּן דוּרְכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער, גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס קִינְדֶער, הָאט מֶען אַ כֹּחַ אִין הִימְל אוּן מֶען נֶעמְט אָן אַלֶע תְּפִילוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם קִינְד וְכוּ'; אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט מִיט אַרְבֶּעטְן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט גֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד אַבִּיסְל רִיטֶעלִין - אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן, זָאלְן זֵיי זִיךְ אַלֵיינְס מְטַפֵּל זַיין מִיטְ'ן קִינְד. עֶר אִיז נִישְׁט קַיין בֶּן יָחִיד אִין כִּיתָּה, עֶס אִיז דָא אַ גַאנְצֶע כִּיתָּה אוּן אַז אַלֶע כַאפְּן מַכּוֹת פוּן אִים אוּן עֶר רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, עֶר שְׁלָאגְט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר שְׁלָאגְט דֶעם מְלַמֵּד; דוּ אַלֵיינְס הָאסְט גֶעכַאפְּט מַכּוֹת - זָאלְן זֵיי זִיךְ אַלֵיינְס מְטַפֵּל זַיין מִיט אִים.

קוּק דִי צֶענְדְלִיגֶער בְּרִיוו אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל ווִי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר דִי מְלַמְּדִים אִין יַבְנְאֵל וָואס לַיידְן פוּן אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן נִישְׁט מִיט אַרְבֶּעטְן; צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער בְּרִיוו פַאר מִשְׁפָּחוֹת אִין יַבְנְאֵל וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט זֵיי אוּן וָוארְנְט זֵיי, זֵיי זָאלְן מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי מוֹסָד, אַז נִישְׁט וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען אִין חֵדֶר.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי זָאגְן קְלָאר אַז דֶער קִינְד קֶען קוּמֶען

אִין חֶדֶר נָאר אוֹיב עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה אוּן אַז עֶר וֶועט נֶעמֶען אַבִּיסְל רִיטֶעלִין זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁוָואגֶער וְכוּ׳; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. עֶר אִיז אַ טַייעֶרער בָּחוּר, עֶר הָאט גוּטֶע מִידוֹת, אִיךְ הָאף אַז עֶר וֶועט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע רֵייץ אוּן אַ גְלוּסְט צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אַנְטְוֶוערְפְּן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסִידְזְשׁ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיטְ׳ן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; דוּ בִּיסְט אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת אִין דַיינֶע זַייטִיגֶע צַייטְן.

וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוְוּיסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת - וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע רֵייץ אוּן אַ גְלִיסְט צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, פְּלוּצְלוּנְג וִויל מֶען מַאכְן שִׁיעוּרִים אִין גְמָרָא, בְּרַיְתוֹת אוּן תּוֹסֶפְתּוֹת, הֲלָכָה וְאַגָּדָה - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען וַוייטֶער, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

...

## בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַיֶּלֶד הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן

רֶבִּי'ן; דוּ לֵיינְסְט אוּן דוּ לֶערְנְסְט דִּי בְּרִיוּו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען חִיזּוּק אַז דֶער רֶבִּי אַלְס קִינְד הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִּי מִשְׁנָיוֹת, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח; קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וַיְחִי, ה'תשפ"א).

מַאךְ נָאךְ דֶעם רֶבִּי'ן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען דָאס מוֹיל יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בֹּא, ה' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף נְקִיּוּת; מֶען מוּז יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען דָאס מוֹיל.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין הֲלָכָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן ד, סְעִיף יז) מֶען זָאל אוֹיסְשְׁוֶוענְקֶען דָאס מוֹיל יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי - "מִפְּנֵי הָרִירִים שֶׁבְּתוֹךְ הַפֶּה"; בִּפְרַט אַז מֶען גֵייט מִיט בְּרֶעיסֶע"ס מוּז מֶען הָאבְן מִיט זִיךְ אַ בֶּערְשְׁטְל, יֶעדֶעס מָאל מֶען עֶסְט עֶפֶּעס דַארְף מֶען אוֹיסְפִּיצְן דִי צֵיין, אַז נִישְׁט אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף דֶעם לַאו פוּן (וַיִּקְרָא יא, מג): "אַל תְּשַׁקְּצוּ אֶת נַפְשֹׁתֵיכֶם"; אַז מֶען רֶעדְט מִיט אַנְדֶערֶע אוּן מֶען הָאט עֶסְן בַּיי דִי צֵיינֶער אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, עֶס פַארְעֶקְלְט.

מֶען וֶוערְט נִישְׁט מֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם אַז מֶען אִיז נָאכְגֶעלָאזְט אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט וֶוייניגֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם אַז מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן רֵיין אוּן מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זִיךְ.

דוּ גֵייסְט חֲתוּנָה הָאבְן, זָאלְסְטוּ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי מוֹיל זָאל זַיין רֵיין אוּן דִי קְלֵיידֶער זָאלְן זַיין רֵיין.

אִיךְ זֶע אִיךְ דַארְף דָאס אוֹיךְ זָאגְן; אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּט'ע זַאכְן וֵוייסְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט.

...

## דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל צֶעבְּרֶעכְן עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת מִיט אַ פְּרוּמֶע שְׁלֵייעֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן ... נֵרוֹ יָאִיר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן; זוּכְט נִישְׁט אוֹיף אִים קַיין שְׁלֶעכְטְס. דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל צֶעבְּרֶעכְן עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת; יֶעצְט קוּמְט עֶר מִיט אַ פְּרוּמֶע שְׁלֵייעֶר, אִיר זָאלְט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִים, אַלֶעס אַבִּי אָפְּצוּקִילְן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, נֶעמְט אַרוֹיס פוּן קָאפּ דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; אִיךְ בִּין מֵעִיד אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעהַאט אִין יְשִׁיבָה, עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ; זַיין לֶעבְּן אִיז רֵיין אוּן זוֹיבֶּער, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט בֵּיישְׁטֵיין דִי נִסָּיוֹן, אִיר וֶועט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט אַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם וְרֵעוּת; אִיר וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.).

...

## מַזָל טוֹב פַאר עֶנְקֶער בֵּן זָכָר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בֹּא, ה׳ שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

מַזָל טוֹב פַאר עֶנְקֶער בֵּן זָכָר! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה, זֶה הַקָּטָן גָּדוֹל יִהְיֶ׳, עֶר זָאל אַרַיין רָאטְן אִין דִי נָאמֶען נָאךְ וֶועם עֶר הֵייסְט, עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אִיר דַארְפְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ, וֶועט אִיר זֶען נָאךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וְוִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט אוּנְזֶער נְשָׁמָה; דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶוען עֶר וֶועט נִפְטָר וֶוערְן, זַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל, וֶועט דִי נְשָׁמָה גֵיין אִין גַן-עֵדֶן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִיק וֶועט אוֹיךְ קֶענֶען גֵיין נָאכְן נִפְטָר וֶוערְן צוּם צַדִיק.

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, רֶבִּי סֶענְדֶרְ׳ל פוּן טִירָאוִויצֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶער רֶבִּי סֶענְדֶרְ׳ל אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעווּאוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַארְטָאגְס פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן לֶערְנֶען דָארְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיוּן הָאט מֶען גֶעזֶען אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיוּן.



אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט שְׁטֵייט אִינְדְרוֹיסְן בַּיים צִיוּן

מֶען הָאט מוֹרָא גֶעהַאט, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: 'וָואס אִיז דָאס? אֶפְשָׁר אַ מַלְאָךְ? אֶפְשָׁר אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ?' קוּקֶנְדִיג הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז רֶבִּי סֶענְדֶעֶר'ל פוּן טִירָאוִויצֶע!" דֶער רֶבִּי סֶענְדֶעֶר'ל אִיז גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס מִיט שְׁנֵיי, מֶען אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי סֶענְדֶעֶר'ל וָואס טוּט אִיר דָא? עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ פַארְפְרוֹירְן?!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיוּן אוּן גֶעזֶען אַז דֶער צִיוּן

אִיז פַארְשְׁפַּארְט, הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט ׳אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן; אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל, אִיךְ וֶועל בֶּעטְן אִיךְ ווִיל גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס הֵיכַל אִין גַן עֵדֶן, ווִיל אִיךְ נִישְׁט מֶען זָאל מִיר אַוֶועקְשְׁטוּפְּן מִיט תֵּירוּצִים: ׳עֶס רֶעגְנְט, עֶס שְׁנֵייט, עֶס אִיז וַוייט, עֶס אִיז קַאלְט׳ אוּן דָאס גְלַייכְן, אִיךְ וֶועל זָאגְן פַאר דִי מַלְאָכִים אַז וֶוען אִיךְ הָאב גֶעלֶעבְּט הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף תֵּירוּצִים, אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, ווִיל אִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אָן קַיין תֵּירוּצִים – וֶועט מֶען מִיר מוּזְן לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי׳ן״.

בס״ד

חשוב׳ע קינדער שיחיו!

די ערשטע גורל איז ברוך ה׳ פארגעקומען אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב אין קרית ברסלב ליבערטי, אין דער גליקליכער געווינער איז געווען הילד החשוב כמר אליעזר שלמה יאקאבאוויטש נרו יאיר וואס לערנט אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג, אין כתה ג׳ ביי הר״ר ישראל יעקב ווייס שליט״א.

די פאלגנדע מעסידזש האט דער געוואונער אריינגעשיקט:

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער אז דער הייליגער רבי האט זייער שטארק געוואלט ווערן א צדיק, ער האט געלערנט די הייליגע משניות. אין אנהייב האט ער נישט געקענט פארשטיין האט ער זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ביז ער האט פארשטאנען די הייליגע משניות״**

און ער האט אויסגעקליבן די צווייטע פרייז, עצתו אמונה אריינגעשריבן די נאמען דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א און דער ראש ישיבה שליט״א האט אים אריינגעשריבן:



ד׳ פרשת בא שנת התשפ״א

בעזהשי״ת

לכבוד הילד החשוב אליעזר שלמה יאקאבאוויטש נ״י

איך האב זייער הנאה צו הערן אז דו ביסט זיך מחנך מיט די עצות פון הייליגן רבי׳ן, דו לייענסט און דו לערנסט די בריוו פון עצתו אמונה, דו האסט ארויס-גענומען חיזוק אז דער רבי אלס קינד האט געלערנט משניות און ער האט נישט פארשטאנען די משניות, האט ער געדאוונט צום אייבערשטער און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן.

מאך נאך דעם רבי׳ן, בעט דעם אייבערשטער ער זאל דיר העלפן דו זאלסט פארשטיין דאס וואס דו לערנסט

פון דיין ראש ישיבה
יואל ראטה



אין די זעלבע צייט ווילן מיר זיך באדאנקען פאר אלע חשוב'ע קינדער פון וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנטריאל, אנטווערפן און ארץ ישראל וואס האבן איבערגעלאזט הערליכע שיינע און באלערנדע מעסידזשעס וואס מיר וועלן די וואך דרוקן א חלק פון זיי.

*נעמט אין אכט*, די גורל קומט טאקע פאר איינמאל א חודש, אבער פאר יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל, דאס הייסט, אויב מען שיקט אריין יעדע וואך וואס מען האט ארויסגענומען פונעם קונטרס גייט מען אריין פיר מאל אינעם גורל.

מיר וועלן נאכאמאל איבערגיין די דעטאלן פונעם גורל:

יעדעס קינד וואס וועט אריינשיקן סיי וואס פאר א נקודה וואס ער האט ארויסגענומען פון די וועכנטליכע קונטרס "עצתו אמונה-איש אמונות" און "עצתו אמונה פאר קינדער" וועט אריינגיין אין א גורל אויף א שיינע מתנה.

דאס קען זיין א מעשה וואס מען האט אויפגעכאפט, א ווארט פון חיזוק אויף א שוועריקייט וואס מען גייט דורך, א מידה וואס מען האט זיך געלערנט, סתם א זאך וואס מען האט אויפגעכאפט, אדער סיי וועלכע אנדערע זאך וואס מען האט געליינט אינעם קונטרס.

די גורל וועט ווערן ארויסגעצויגן איינמאל א חודש און דער געווינער וועט קענען אויסוועלן איינע פון די פאלגנדע זאכן:

- עצתו אמונה אויף פאסט פריי פון אפצאל פאר זעקס חדשים
- איינע פון די חלקים עצתו אמונה אריינגעשריבן די נאמען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א
- ווערן דערמאנט ביים ציון פון מוהרא"ש זצ"ל אין יבנאל

אזוי אויך וועט ווערן אויסגעקליבן יעדע וואך עטליכע שיינע מעסידזשעס וואס די קינדער האבן אריינגעשיקט און וועט ווערן געדרוקט אינעם וועכנטליכן קונטרס בעז"ה.

מעסידזשעס קען מען דערוייל איבערלאזן אויפ'ן טעלעפאן נומער 718-387-2691 ביי אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט"א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס:

info@kerenhadfusa.org

מיר האפן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צוצולייגן נאך טעלעפאן און פעקס נומערן פון פארשידענע לענדער וואו מ'וועט קענען איבערלאזן מעסידזשעס.

ווען מען לאזט אריין די מעסידזש דארף מען צוערשט זאגן דעם נאמען, די יארגאנג און די שטאט וואו מ'וואוינט, און אויב מ'לערנט אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב זאל מען צולייגן דעם מלמד'ס נאמען, אזוי אויך ווען מ'שיקט דאס אריין בכתב.

**שיקטס אריין וואס איר האט ארויסגענומען פון עצתו אמונה און זייט א גליקליכער געוואונער!**

א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב׳ע קינדער האבן ארייגעשיקט:

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה, איינס, מ׳זאל נאר רעדן צום אייבערשטן, וואס מ׳וויל זאל מען נאר בעטן פונעם אייבערשטן, אזוי ווי מ׳זעט פון די מעשה פון די מויער און די מעשה פון די תהלים, נאך א זאך האב איך זיך געלערנט, אז אפילו מ׳באקומט נישט עפעס גלייך זאל מען בעטן נאכאמאל און נאכאמאל, אזוי ווי מ׳זעט אז דער רבי האט געבעטן און געבעטן ער זאל פארשטיין וואס ער לערנט ביז ער האט פארשטאנען, און אזוי אויך זעט מען דאס ביי די מעשה מיט די תהלים, אז ער האט געבעטן און געבעטן ביז זיין חבר איז געווארן אויסגעהיילט״**

אלי לאנדא, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, וויליאמסבורג, כתה ט׳ - הר״ר יחזקאל סאמעט שליט״א

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז מען זאל ארייכאפן וואס מער תהלים״**

אשר אנשיל אפעלדארפער, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, קרית יואל

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה אז איך זאל אויך וועלן אויסוואקסן א גרויסע צדיק אזוי ווי דער הייליגער רבי; איך לערן שוין משניות, אפילו איך פארשטיי נישט בעט איך דעם אייבערשטן איך זאל יא פארשטיין״.**

אליעזר שלמה׳לע בלום, כתה ב׳, בית שמש

**״איך האב זיך געלערנט פון עצתו אמונה אז מען קען לערנען אפילו אן פארשטיין, אויך האב איך זיך געלערנט צו טון די סגולה וואס קאסט נישט קיין געלט, דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן; די סגולה מאכט מיך זייער פרייליך״.**

אברמי ראזענפעלד, בית שמש

בס"ד



נייעס פון "קול ברסלב"
212-444-9191
845-351-0910
מאנטאג ווארא – מאנטאג בא תשפ"א
טעגליכע קורצע עצות און חיזוק, ווי אויך אנצוקומען שנעל צו די נייסטע שיעורים
1
שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א
2
שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע
3
אנדערע שיעורים
4
היכל נגינה
5
שיעורים בסדרן מיט צו זאגן
6
פאמיליע ווינקל
7
8
צו מנדב זיין פאר די האטליין און ישיבה, פאר אנווייזונגען און אינפארמאציע, זיך צו פארבינדן מיט די מערכת און פאר די לייוו הוקאפ
9
אפדעיטס און נייעס
0
7
1
2
2
2
7
1
4
5

70 - שיעור פון מאנטאג וארא: א פרייליכן שובבי"ם

71 - שיעור פון דינסטאג וארא: אן ענטפער פון הימל

72 - שיעור פון מיטוואך וארא: פארשטיין א צווייטן

73 - שיעור פון דאנערשטאג וארא נאכמיטאג: וואס קענסטו העלפן?

74 - דרשה ביי סעודת מלוה מלכה מוצאי שבת וארא (קרית ברסלב): שלעכטע מחשבות

1

71 – א פרישע חינוך שיעור פון זונטאג בא

3

פרישע שמועסן אין מלמדים שטיבל

1

15 - שיעור פאר אינגעלייט ליל שישי פרשת וארא: שבת קודש פאררעכט אלעס

6

שיינע שמועסן ביים סוף פון פסחים דף נא [בענין אחדות], נב [חיזוק פאר מלמדים], נג [חיזוק פאר מלמדים] און נז [בענין שלום בית]

פרישע מעשיות פון תפלה פון אינגעלייט, בחורים און קינדער

פרישע פערזענליכע מעשיות און חיזוק אויף הפצה

90 – א שמועס מיט א אינגערמאן פון בני ברק וואס איז געזעצן אין תפיסה פאר'ן זיך נישט וועלן שטעלן צום מיליטער, וואס ער האט געטון אין תפיסה און ווי אזוי ער איז ארויס פון תפיסה

91 – אן אינטערוויו מיט ר' הערשי שניטצלער, איבער א מעשה פון אם ירצה ה'

92 – אן אינטערוויו מיט ר' יחיאל הורוויץ, אן עצה בדוק ומנוסה אויפצוהערן רייכערן

אינעם קומענדיגן עמוד האבן מיר געברענגט שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די פאראנגענע יארן אויף די פרשת השבוע און אלגעמיינע דרשות.

בס״ד

# שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 21: ב׳ בא תשע״ו - אלקאהאל
2, 22: ג׳ בא תשע״ו - דביקות
2, 23: ד׳ בא תשע״ו - די ווערים ווערן פוצן
2, 24: א׳ בשלח תשע״ו - זיך היטן פון ליצנות און שלעכטע חברים
2, 25: ב׳ בשלח תשע״ו - שידוכים
2, 26: ג׳ בשלח תשע״ו - לערנען תורה
2, 27: ד׳ בשלח תשע״ו - פאלג דעם צדיק וועסטו מצליח זיין
2, 28: ה׳ בשלח תשע״ו - שבת און כבוד אב ואם

3, 54: ב׳ בא תשע״ז - יא טון אדער נישט טון
3, 55: ג׳ בא תשע״ז - משניות איז נישט פאר דיר
3, 56: ד׳ בא תשע״ז - ציל אין לעבן
3, 57: ה׳ בא תשע״ז - א פלעשל ברוינפן
3, 58: ג׳ בשלח תשע״ז - פרשת המן
3, 59: ד׳ בשלח תשע״ז - קיינמאל נישט פארפאלן

4, 54: ב׳ בא תשע״ח - גייסטישע פראבלעמען
4, 55: ג׳ בא תשע״ח - אמונה טיילענאל
4, 56: ד׳ בא תשע״ח - א פשוט'ער איד
4, 57: ה׳ בא תשע״ח - אז מ'קען גיין גראד
4, 58: א׳ בשלח תשע״ח – קיינמאל נישט ווערן צעפאלן
4, 59: ב׳ בשלח תשע״ח – מ'דארף רעדן צו קינדער
4, 60: ג׳ בשלח תשע״ח – שמעי ענדצווייג ע״ה

5, 61: ג' בא תשע"ט - שטערן זעערס

5, 62: ד' בא תשע"ט - דרך ארץ אין שול

5, 63: ה' בא תשע"ט - מחי' זיין טאטע מאמע

5, 64: ב' בשלח תשע"ט - פלשתים

5, 65: ג' בשלח תשע"ט - בארד און פיאות

5, 66: ד' בשלח תשע"ט - האב נישט מורא

6, 67: ג' בא תש"פ - א געשמאק אין לעבן

6, 68: ד' בא תש"פ - סיום הש"ס הבחור בערל שניטצלער

6, 69: ה' בא תש"פ - רזא דשבת

6, 70: ב' בשלח תש"פ - איך קען נישט פאלן

6, 71: ג' בשלח תש"פ - לאז מיך אפ

6, 72: ד' בשלח תש"פ - ווען יענער מאכט נערוועז

6, 73: ה' בשלח תש"פ - לכבוד שבת קודש

**שיעורים פאר אינגעלייט:**

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

2, 10: ב' בא תשע"ז - טאטע מאמע שווער און שוויגער

3, 14: ב' בא תשע"ח - חכמת החיים

3, 15: ב' בשלח תשע"ח - ליצנות

4, 13: ה' בא תשע"ט - א געשמאקע שבת טיש

4, 14: ה' בשלח תשע"ט - די כח פון ליצנות

5, 15: ה' בא תש"פ - אפרעדן אדער אויסרעדן

5, 16: ה' בשלח תש"פ – אויפ'ן טאטנ'ס אקסל